בס"ד
שבת מברכים תמוז | ר"ח יום שני-שלישי | המולד יום ראשון 15:36 | 15 חלק'
שבת מברכים

# דער בלעטל טיב הקהילה

## אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

קרח
כ"ח סיון תשפ"ג
די צייטן לויט אופק ירושלים

**זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש**

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 7:11 |
| מוצש"ק | 8:30 |
| ר"ת | 9:04 |

**סוף זמן קריאת שמע ותפילה**

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:10 | סוז"ת א' | 9:40 |
| סוזק"ש ב' | 9:04 | סוז"ת ב' | 10:16 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': לה

## טיב הפרשה

# די טעות פון קרח \ ווייס וואס דיינע מדריגות זענען

אין די וואכעדיגע פרשה לערנען מיר איבער די פרשה פון קרח און די מחלוקת וואס ער האט געפירט קעגן משה רבינו. עס איז ידוע פון אלע ספרי קודש אז קרח איז געווען א גרויסער מענטש, א שטארקע בעל מדריגה, און די שאלה וואס שטעלט זיך איז, וויאזוי איז ער געקומען צו אזא זאך?

נאר ווען מען איז זיך מתבונן אין די ווערטער וואס עס שטייט אין די תוה"ק, טרעפט מען דער ענטפער צו דעם. עס שטייט קלאר ארויסגעשריבן אז די מחלוקת וואס קרח האט געפירט מיט משה רבינו איז נישט געווען איבער שררה, אז קרח האט מקנא געווען די שררה וואס משה רבינו האט געהאט, נאר ער האט מקנא געווען די מדריגות, די קירבת אלקים צו וואס משה רבינו און אהרן הכהן האבן זוכה געווען.

די געדאנק זעט מען פון די טענה וואס משה רבינו זאגט פאר קרח ווען ער טענה'ט זיך מיט אים. משה רבינו באניצט זיך מיט די ווערטער "המעט מכם כי הבדיל אלקי ישראל אתכם מעדת ישראל להקריב אתכם אליו לעבוד את עבודת משכן ה' ולעמוד לפני העדה לשרתם, ויקרב אותך ואת כל אחיך בני לוי אתך ובקשתם גם כהונה", ווייל קרח האט געוואלט די כהונה, ער האט געוואלט זוכה זיין אריינצוגיין לפני ולפנים און זוכה זיין צו דינען הקב"ה מיט אזא עבודה וואס דער כהן גדול האט געהאט.

אבער די טעות פון קרח איז געווען, אז נישט דאס איז דער רצון השם. דער רבוש"ע וויל נישט האבן צוויי כהנים גדולים. עס איז נאר דא איין כהן גדול און דאס איז דירעקט אויסגעשטעלט אזוי. ווען קרח וואלט געמיינט אינגאנצן לשם שמים וואלט ער דאס פארשטאנען, אבער ווייל עס איז געווען אריינגעמישט דקות'דיגע פניות און נגיעות איז ער אנגעקומען דורכדעם צו א טעות און צו א מחלוקת, ווייל דער צדיק אמיתי וויל נישט קיין מדריגות וואס ברענגען נישט דעם מענטש צו לשם שמים.

עס איז דא א מימרא פון הרה"ק ר' אהרן הגדול מקארלין

>>> | המשך אין עמוד ב' |

## טיב המערכת

### - ♦ הֵם וּנְשֵׁיהֶם וּבְנֵיהֶם וְטַפָּם ♦ -

עס איז באוואוסט די מעשה מיטן מלמד וועלכער איז געווען זייער א נייגעריגער, און ער האט געפרעגט זיינע תלמידים וואס עס פעלט זיי אינדערהיים. האט איין אינגל געענטפערט אז פאר זיי פעלט עפעס אן עלעקטרישער מאשין וואס האט זיך לעצטנס צובראכן, אן אנדער אינגל האט געזאגט אז עס פעלט זיי א בעט, ווייל ער און זיין ברודער שלאפן צוזאמען אינעם זעלבן בעט. אזוי האבן אלע קינדער דערציילט פארן מלמד וואס עס פעלט ביי זיי אינדערהיים, אבער איין תלמיד האט געזאגט אז פאר זיי פעלט גארנישט. הערנדיג דאס, האט זיך דער מלמד זייער געוואונדערט, וויבאלד ער האט גוט געקענט די משפחה און געוואוסט פון זייער געדרוקטער צושטאנד.. האט דער מלמד געפרעגט דעם אינגל, "פון וואו ווייסטו דאס"? האט דער יונגל דערציילט, אז מיט עטליכע טעג צוריק האט זיך געהערט א קלאפעריי אין טיר, און ווען זיין טאטע האט אריינגעקוקט אינעם טיר-לעכל צו זען ווער עס קלאפט, האט ער געזען אז עס זענען געקומען אומגעוואונטשענע געסט, און ער האט געזאגט צו די מאמע 'נאר דאס האט אונז אויסגעפעלט'...

ווען רש"י וויל אונז אנזאגן אז מיר זאלן וויסן דעם גרויסן שאנד פון מחלוקת, שרייבט ער אזוי: קום און זע ווי שווער איז דאס מחלוקת, ווייל דא ביי די מחלוקת פון קרח זענען אפילו זייגנדע קינדער פארלוירן געווארן.

און לכאורה דארף מען דאך פארשטיין, וואס האבן אט די קליינע קינדער געזינדיגט, אויב אזוי פארוואס האט מען זיי געדארפט הרג'נען, אפשר ווען זיי וועלן גרויס ווערן און זיי וועלן הערן די שלעכטע מעשים פון זייערע עלטערן און די שטראף וואס זיי האבן באקומען, וועלן זיי זיך אויסלערנען מוסר דערפון, און זיי וועלן זיך דערווייטערן פון מחלוקת?

יעדער מלמד וואס לערנט מיט קינדער קען עדות זאגן, אז פון די רעדערייען פון די קינדער קען מען וויסן וואס עס טוט זיך אין זייער הויז, אזוי ווי די גמרא זאגט 'שותא דינוקא בשוקא, או דאבוה או דאימיה' – און רש"י ערקלערט, אז דאס איז א משל פון מענטשן, און עס מיינט, אז וואס א קינד רעדט אין גאס, האט ער עס געהערט פון זיין טאטע אדער פון זיין מאמע.

זעען מיר פון דעם, אז די יונגע קינדער הערן און זען און כאפן אויף אלעס וואס טוט זיך אין זייער הויז, און נישט נאר דאס, נאר זיי פירן זיך אויף פונקט די זעלבע, אזוי ווי מיר זעען אין אונזער פרשה: 'וְדָתָן וַאֲבִירָם יָצְאוּ נִצָּבִים פֶּתַח אָהֳלֵיהֶם וּנְשֵׁיהֶם וּבְנֵיהֶם וְטַפָּם', ווייל ווען די קינדער האבן געזען די חוצפה'דיגן פירונג פון זייערע עלטערן, האבן זיי אויך אויפגעפירט אזוי ווי זיי, און דעריבער, וועגן די זעלבע סיבה, האבן זיי אויך געדארפט אראפגיין אין גרוב, ווייל אויב זייערע עלטערן האבן זיך אזוי געפירט, זענען זיי פארזיכערט אז ווען זיי וועלן ווערן ערוואקסן וועלן זיי זיך אויך פירן אזוי, און אויב אזוי איז בעסער פאר זיי אז אויך זיי זאלן שטארבן, און פון דעם לערנען מיר ארויס, אז דורך אונזערע מעשים זענען מיר מחנך אונזערע קינדער, סיי צום גוטן אדער נישט, וְהֶחָכָם עֵינָיו בְּרֹאשׁוֹ.

(עפ"י טיב התורה-קרח)

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

טיב ההודעות

זמנים
אויף קבלת קהל
0534-100024

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

[דברי אהרן עמוד ב'], אז ווען אברהם אבינו וואלט זיך געוואלט טוישן מיט מיר וואלט איך זיך נישט געוואלט טוישן מיט אים, ווייל אויב מיר וואלטן זיך געטוישט וואס וואלט ווען געווארן? אברהם אבינו איז געווען א בעל מדריגה און איך בין א הדיוט און ווען איך וועל זיך טוישן מיט אים, וועט אברהם אבינו ווערן א הדיוט און איך וועל ווערן א בעל מדריגה, עס קומט אויס אז אין הימל וועט מען גארנישט פארדינען פון דעם.

דער געדאנק איז זייער א שטארקער לימוד פאר אונז. עס איז אמת אז ווען עס קומט צו רוחניות דארף א איד נישט זיין א מסתפק במיעוט. די שטרעבן פון א איד דארף צו זיין אויף נאך און אויף נאך, צו שטייגן העכער, אבער די שטרעבונגען דארף זיין לויט די יכולת פון זיינע כוחות הנפש, אז לויט זיין דרגה זאל ער זיין די מאקסימום, ווייל אז מען קריכט צי הויך פאלט מען זייער גרינג אראפ פון דארט.

מען טרעפט דעם געדאנק אין עטליכע ערטער. מען זעט עס ביי מעמד הר סיני ווען הקב"ה האט געהייסן אז מען זאל מגביל זיין און נישט צוגיין צי נאנט צו די בארג סיני, און אז יעדער גרופע זאל שטיין אויף זיין ארט, ווייל יעדער איד האט זיך זיין דרגה.

דער תפארת שלמה אין פרשת כי תבוא שמועסט אויך אויס די געדאנק, זאגנדיג אז א מענטש דארף זיך מסתפק זיין מיט וואס ער האט, און ער זאל נישט טראכטן ביי זיך אין הארץ אז ער וואלט ווען געקענט ארויפגיין העכער, ווי ער וואלט באמת געקענט, ווייל ווען א איד גייט ארויף צי הויך קען ער זיך זייער גרינג אראפגליטשן פון דארט.

מען זעט די זעלבע זאך ביי די עבודה וואס די לויים האבן געהאט אין בית המקדש. דארט שטייט אז שבט לוי איז געווארן איינגעטיילט אין דריי באזונדערע גרופעס, און די חשוב'סטע ארבעט האבן געגעבן די בני קהת, די צווייטע אין דרגה איז געווען די בני גרשון, די דריטע איז געווען די בני מררי.

דער בית אברהם געבט צו פארשטיין אז יעדער זאך איז געווען איינגעטיילט לויט די דרגה. ביי די בני קהת שטייט אז זיי האבן געטראגן די ארון, און ווייל זיי האבן זוכה געווען צו אזא גרויסע גילוי השכינה און מען האט מורא געהאט אז זיי וועלן אויסגיין פון כלות הנפש, שטייט ביי זיי 'וזאת עשו להם וחיו ולא ימותו בגשתם את קודש הקדשים', אבער ביי די בני גרשון וואס זענען געווען א קלענערע דרגה און זיי האבן געהאט עליות וירידות, שטייט 'לעבוד ולמשא', אז ער איז אמאל אן עובד און אמאל איז עס אין די בחינה פון משא, אבער ביי מררי, וואס איז נאך א קלענערע דרגה, איז א בחינה פון 'מררי' ביטערניש, ווייל זיי זענען נאך א קלענערע דרגה.

די געדאנק ליגט אויך ארייגעלייגט אין פסוק. ביי די בני קהת און ביי די בני גרשון ווערט דערמאנט די ווארט 'ראש'. עס שטייט ביי די בני גרשון 'נשא את ראש', אבער ביי די בני מררי שטייט נאר 'בני מררי'.

ביי די בני מררי שטייט אויך 'וזאת משמרת משאם' ווייל זיי האבן נישט געשפירט אז די שלעפעריי איז געווען אן עבודת הקודש, ביי זיי איז עס געווען א משא, א לאסט, ווייל זיי האבן נישט געשפירט קיין טעם אין די עבודה.

אבער דאך דארף מען האבן אלע בעלי מדריגה, סיי דער הדיוט און סיי דער 'קהת', ווייל נאר צוזאמען בויט זיך א משכן, אבער דאס ווערט נאר בתנאי אז יעדער איז אויף זיין פלאץ, אבער איינמאל מען גייט פון איין פלאץ צו די אנדערע איז נישט דא קיין שלימות אין די עבודה, ווייל דאס איז דער רצון השם, אז יעדער איינער זאל זיך האבן זיין פלאץ און טון די עבודה לויט זיין דרגה און זיין יכולת.

# טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

### געשריבן דורך לייענערס

## א שליח פאר יעדע נשאה

עס דערציילט מורינו שליט"א בשם דער בעל המעשה:

ווען דער בחור האט מודיע געווען פאר זיינע עלטערן אז אינעם קומענדיגן יאר וויל ער ארויפגיין לערנען אין ארץ ישראל, זענען זיינע עלטערן געווען אויסערזיך פאר שמחה. די שטוב איז אריין אין א 'הכנה' שוואונג, מען האט צוגעגרייט אלעס וואס דער בחור דארף האבן צו קענען פארן לערנען אין ארץ ישראל.

אבער ווי טיפער מען איז אריין איז דער סוד ארויפגעשווימען, דער בחור קומט ארויף קיין ארץ ישראל אבער נישט ווייל ער וויל דא לערנען, נאר ווייל ער וויל דא פורק עול זיין.

ווי נאר די עלטערן זענען ארויף אויפן סוד זענען זיי געווארן אויסערזיך פון שרעק, זיי האבן אנגעהויבן איינשפאנען אנשי חינוך און אזוינע וואס קענען זיך אפגעבן מיט אים, אבער עס האט נישט מצליח געווען, דער בחור איז געווען איינגעשפארט ביי זיך.

דער בחור האט זיך ארומגעדרייט אין ארץ ישראל. דערווייל איז אנגעקומען ל"ג בעומר און דער בחור, זעענדיג דער מצב וואו דער ציבור פארט אין די מאסן קיין מירון, האט ער באשלאסן אז ער גייט אויך פארן קיין מירון.

זוכנדיג א וועג פאר א רייזע האט ער זיך ארויפגעזעצט אויף א באס וואס פירט דעם ציבור קיין מירון. אויפן באס האט ער זיך אראפגעזעצט נעבן א איד און איז אריין מיט יענעם אין א שמועס.

זייענדיג לאנגווייליג האט ער מיטגעטיילט מיט דעם איד איבער זיינע פלענער און אויסגעפירט אז עס איז א שאד זיין מיה, ער גייט זיך סיווי נישט טוישן.

ווען דער יונגערמאן האט געהערט איבער זיינע פלענער איז ער געווארן דערציטערט און אנגעהויבן רעדן צו דעם בחור. א לאנגער צייט האט ער גערעדט מיט אים און ענדע האט ער אים איבערגעצייגט ער זאל אריינגיין אין א ישיבה און זיך אנשליסן דארט מיט זיי.

פון יענעם טאג איז דער בחור געווארן א צווייטער סארט בחור, ער האט זיך געגצליך געטוישט.

דער יונגערמאן האט שפעטער אויסגעפירט אז ער איז בכלל נישט קיין איש חינוך, ער האט נישט קיין ערפארונג אין די נושא, אבער ווערנדיג אזוי באגייסטערט פון וואס ער זעט צו, האט אים הקב"ה אריינגעגעבן די ווערטער אין מויל אריין און ער האט מצליח געווען איבערצודרייען די הארץ פון א בחור.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: א.צ]

# טיב המעשיות

# בטחון אינעם אויבערשטן!

**וַיֹּאמֶר ה' אֶל אַהֲרֹן, בְּאַרְצָם לֹא תִנְחָל, וְחֵלֶק לֹא יִהְיֶה לְךָ בְּתוֹכָם, אֲנִי חֶלְקְךָ וְנַחֲלָתְךָ בְּתוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל** יח כ

עס שטייט אין פסוק "וַיֹּאמֶר ה' אֶל אַהֲרֹן, בְּאַרְצָם לֹא תִנְחָל, וְחֵלֶק לֹא יִהְיֶה לְךָ בְּתוֹכָם, אֲנִי חֶלְקְךָ וְנַחֲלָתְךָ בְּתוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל" (יח, כ).

שבט לוי לערנען אונז דער יסוד פון די מצוה פון בטחון! וואס זיי זענען באהאפטן צום אויבערשטן און זענען אלעמאל עוסק אין די תורה און אין עבודת השם, און זענען פארזיכערט אינעם אויבערשטן, אז ער איז דער וואס געבט זיי זייער טייל און זייער נחלה – אזוי ווי עס ווערט ערקלערט אין רמב"ם (שלהי הל' שמיטה ויובל פי"ג הי"ב) ווי פאלגענד: פארוואס האט שבט לוי נישט זוכה געווען צו א נחלה אין ארץ ישראל און אין רויב צוזאמען מיט זיינע ברידער, ווייל ער איז אפגעשיידט געווארן צו דינען דעם אויבערשטן און אים באדינען וכו'. זיי זענען די מיליטער פונעם אויבערשטן, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (אין אונזער פרשה) "אֲנִי חֶלְקְךָ וְנַחֲלָתְךָ".

זעען מיר פון די ווערטער פונעם רמב"ם, אז דער אויבערשטער אליין טוט זיי שפייזן און ער געבט זיי אלע זייערע געברויכן, און זיי לייגן נישט זייער לאסט אויף קיין שום אנדערער כח, נאר אויפן אויבערשטן אליין.

אזוי אויך קען יעדער איד (וואס איז ראוי צו דעם) זיך פירן לגבי דעם אזוי ווי שבט לוי, און אפלאזן אלע זיינע ארבעט און געשעפטן, און ארויפווארפן זיין גאנצע דאגה און פארזיכערונג פון פרנסה אויפן אויבערשטן אליין. - אזוי ווי דער רמב"ם פסק'נט דארט ווייטער אין זיינע הייליגע ווערטער (הלכה י"ג): און נישט נאר שבט לוי אליין, נאר יעדער איינער וואס קומט אויף דער וועלט, וואס זיין גייסט האט אים באוויליגט, און זיין פארשטאנד טוט עס באגרייפן, אז ער זאל זיך אפשיידן און שטיין פארן אויבערשטן און אים דינען, צו אנערקענען דעם אויבערשטן, און ער איז געגאנגען גלייך אזוי ווי דער אויבערשטער האט אים געמאכט, און ער האט אראפגעלאדנט פון זיין האלז דעם יאך פון די פילע חשבונות וואס די מענטשן האבן זיך געזוכט (ע"פ קהלת ז, כט). – דער ווערט געהייליגט קֹדֶשׁ קָדָשִׁים, און דער אויבערשטער וועט זיין חלקו ונחלתו אויף אייביג, און ער וועט אים צושטעלן אויף דער וועלט וויפיל עס איז גענוג פאר אים, אזוי ווי ער האט געגעבן פאר די כהנים און לוים. און אזוי זאגט דוד המלך עליו השלום אין תהלים (טז, ה): ה' מְנָת חֶלְקִי וְכוֹסִי, אַתָּה תּוֹמִיךְ גּוֹרָלִי. ביז אהער האבן מיר געברענגט פונעם רמב"ם.

זע דארט אינעם פירוש פונעם רדב"ז, וועלכער שרייבט אזוי: איך האב מדקדק געווען אין די רייד פונעם רמב"ם, וואס ער שרייבט, 'וְיִזְכֶּה לוֹ בָּעוֹלָם הַזֶּה דָּבָר הַמַּסְפִּיק לוֹ', אז דאס מיינט אז דער אויבערשטער וועט אים געבן די זכיה אז ער זאל פארדינען אויף דער וועלט עפעס וואס איז גענוג פאר אים, און נישט אז ער זאל זיך ארויפווארפן אויפן ציבור. [זע נאך וואונדערליכע ווערטער פונעם רמב"ם אין דעם ענין, אין זיין פירוש אויף די משניות (אבות פ"ד מ"ה) וואו די משנה זאגט אז מען זאל נישט מאכן די תורה ווי א האק זיך צו באניצן דערמיט, און דארט רעדט ער איבער די "פארטומלטע משוגעים", עיין שם].

->•<-

רבינו משה בן מוה"ר הגאון רבי חיים, דער אלשי"ך הקדוש זצוק"ל, וועלכער ווערט אנגערופן דורך די פוסקים "מהר"ם אלשי"ך", איז געווען איינער פון די גדולי הרבנים און חשובי הפוסקים אין די הייליגע שטאט צפת תובב"א אינעם דור דעה, מיט בערך פיר הונדערט און פופציג יאר צוריק, ווען צפת איז געווען א גרויסע צענטראלע שטאט, פול מיט חכמים וסופרים קדושים וטהורים, אין שפיץ פונעם הייליגן בית יוסף, און פונעם מבי"ט און דער מהרלב"ח, און נאך גדולי עולם ווי דער רמ"ק און דער אר"י הקדוש מיט זיינע הייליגע תלמידים די גורי האר"י, זכר צדיקים וקדושים לברכה.

צווישן די פילע אויפגאבעס פונעם אלשי"ך הקדוש אין אט די גרויסע הייליגע שטאט, איז דער אלשי"ך אויך געווען א וואונדערליכער מגיד און בעל דרשן, און פון זיין מויל האבן זיך געגאסן פערלדיגע ווערטער. יעדן שבת קודש פלעגט ער דרש'נען ברבים אין די ענינים פון די פרשה פון די וואך, און אזוי זיס און געשמאק זענען געווען זיינע רייד, אז עס פלעגט זיך צוגיסן ווי האניג ביי די טייערע אידן וואס זענען געזעצן און איינגעשלינגען יעדן ווארט מיט גרויס דארשט.

פון אט די וואונדערליכע דרשות, האט רבי משה געשריבן זיין גרויסן ספר "תורת משה", וואס ווערט גערופן ביי אידן מיטן נאמען "דער אלשי"ך הקדוש". ['אל-שיך' מיינט 'דער עלטסטער פון די שטאט' אויף אראביש, און דער הייליגער חיד"א זצוק"ל שרייבט אין זיין ספר שם הגדולים (חלק ספרים מערכת מ', ד) אז ער איז אזוי גערופן געווארן אויפן נאמען פון די ארט פון זיינע עלטערן, "אלשך" אין די לאנד שפאניע, עיין שם].

דער אר"י ז"ל פלעגט זאגן אז ער האט זוכה געווען צו צוטרעפן צום אמת ביי זיינע דרשות, אזוי ווי עס איז געדרוקט אינעם שַׁעַר פונעם ספר "ירים משה" (פיורדא תקכ"ד) ווי פאלגנד: ער האט געזאגט צו זיינע תלמידים, קומט לאמיר הערן חידושי התורה פונעם הייליגן מויל פון רבי משה אלשי"ך, וואס ער האט זוכה געווען צו א פנים אין די תורה, מיט א וואונדערליכער ליכטיגקייט, מפליא לעשות. [זע אין ספר "טיב הקהילה – תשע"א" (דף ס"ט), א וואונדערליכע מעשה איבער א סימן וואס דער אלשי"ך האט באקומען פון הימל צו זיין דרשה אום שבת פרשת ויצא, צו ווייזן אז ער האט צוגעטראפן צום אמת מיטן דקדוק וואס ער האט מדקדק געווען, זע דארט].

אמאל אין א שבת קודש, האט דער אלשי"ך הקדוש גע'דרש'נט זיין דרשה מיט שטארקייט איבער די מצוה פון בטחון, ווען צווישן זיינע ווערטער האט ער קלארגעמאכט די באוואוסטע שאלה, ביז ווי ווייט טוט די מדה פון בטחון מאכן אז דער מענטש זאל פון זיין זייט נישט דארפן מאכן קיין השתדלות. ווייל פון איין זייט ווייסן מיר דאך אז 'אֵין סוֹמְכִין עַל הַנֵּס' (פסחים סד:), און דער מענטש דארף טון א מעשה פון זיין זייט, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (דברים יד, כט) "לְמַעַן יְבָרֶכְךָ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּכָל מַעֲשֵׂה יָדְךָ אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה", אז מען דארף עפעס טון כדי די ברכה זאל האבן וואו צו חל זיין. און פון די אנדערע זייט, לערנען מיר ארויס פון יוסף הצדיק, אז עס איז אים גערעכנט געווארן פאר א פגם אין זיין בטחון, דערמיט וואס ער האט געבעטן פונעם שַׂר הַמַּשְׁקִים (בראשית מ, יד) "כִּי אִם זְכַרְתַּנִי וְהִזְכַּרְתַּנִי וְגוֹ'", און אין מדרש (ב"ר פט, ב) ווערט גע'דרש'נט אויף אים דער פסוק (משלי יד, כג): "וּדְבַר שְׂפָתַיִם אַךְ לְמַחְסוֹר", אז דורכדעם וואס ער האט געזאגט צו דער שר המשקים 'זְכַרְתַּנִי וְהִזְכַּרְתַּנִי', איז אים צוגעלייגט געווארן נאך צוויי יאר צו זיצן אין תפיסה, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (בראשית מא, א) "וַיְהִי מִקֵּץ שְׁנָתַיִם יָמִים". און דעריבער שטייט אין תהלים (מ, ה): "אַשְׁרֵי הַגֶּבֶר אֲשֶׁר שָׂם ה' מִבְטַחוֹ, וְלֹא פָנָה אֶל רְהָבִים וְשָׂטֵי כָזָב". [זע אינעם ספה"ק בעל שם טוב על התורה (פרשת מקץ) און אין נאך ספרים הקדושים, אז דאס ווענדט זיך לויט די מדריגת הבטחון פונעם מענטש, און נישט דא איז דאס ארט דאס ארומצורעדן. זע אויך אינעם ספר אמונה וביטחון למרן החזון איש זצוק"ל (פרק ב', עיין שם].

ביי דעם דרשה איז דער אלשי"ך הקדוש געקומען צום אויספיר, אז ביי די הויכע און דערהויבענע מדריגה פון בטחון, ווען דאס הארץ פונעם בּוֹטֵחַ איז גאנץ מיט זיין בטחון אינעם אויבערשטן מיטן פולסטן שלימות, דארף ער נישט טון קיין שום השתדלות! נאר ער קען זיצן רואיג ביי זיך אינדערהיים און זיך פארזיכערן אויפן אויבערשטן, און אלע זיינע געברויכן וועלן קומען פון הימל ביז צו אים, אנדעם וואס ער זאל זיך בכלל דארפן אנשטרענגען און זיך באמיען דערפאר. ווייל דורך זיין שטארקע אמונה און בטחון, ווערן די טבע און דער נס אינגאנצן גלייך ביי אים, אזוי ווי מיר געפינען אין די גמרא (תענית כה.): "מאי איכפת לך, מי שאמר לשמן וידלוק, הוא יאמר לחומץ וידלוק", ווער עס האט געהייסן פאר די אויל אז עס זאל ברענען, דער וועט הייסן פאר די עסיג און עס וועט ברענען! [אזוי ווי דער הייליגער "שומר אמונים" האט שוין מאריך געווען אין דעם אין זיין ספר, אין מאמר הבטחון והתחזקות (סוף פרק י"ז, עיין שם].

צווישן דעם גרויסן קהל וואס איז געזעצן און צוגעהערט מיט גרויס שפאנונג צו דעם געשמאקן דרשה, איז געזעצן א דארפסמאן, גאר א פשוט'ער אבער זייער אַן ערליכער איד, וועלכער האט קיינמאל נישט געלערנט, נאר ער האט ליב געהאט צו זאגן תהלים, אבער אויסערדעם האט ער קיינמאל גארנישט געלערנט. פרנסה האט ער געהאט ב"ה בשפע, ברענענדיג ליים און צעמענט, פון די גריבער אין די פעלדער, און עס שלעפנדיג אויף זיין אייזל אין שטאט אריין.

ווען ער האט געהערט די דרשה פונעם אלשי"ך הקדוש אין יענעם שבת אז מען דארף נישט טון קיין שום השתדלות, און אויב מען האט די אמת'ע שלימות'דיגע בטחון קען מען זיצן אינדערהיים און האבן בטחון אינעם אויבערשטן, אן גארנישט צו טון! איז זיין הארץ אנגעצינדן געווארן מיטן געוואלדיגן הייליגן התלהבות וואס דער אלשי"ך הקדוש האט אריינגעשיינט אין די צוהערער ביי זיין דרשה! ער איז געווען א תמימות'דיגער און פשוט'ער איד, וועלכער האט אלעמאל ליב געהאט די מדה פון בטחון, און ער האט געגלייבט מיטן גאנצן הארץ אין די ווערטער פונעם הייליגן רבי'ן, און ער האט עס אנגענומען בפשטות און בתמימות אזוי ווי עס איז.

איז דער איד אהיימגעגאנגען, און האט געלאזט וויסן פאר זיין ווייב, און פון יעצט און ווייטער דארף מען מער גארנישט ארבעטן! "דער רב האט געזאגט, אז ווען מען האט דעם פולן בטחון אינעם אויבערשטן, ברענגט ער די פרנסה, אנדעם וואס דער מענטש זאל זיך בכלל דארפן אנשטרענגען און טון עפעס! – דעריבער גיי איך פון היינט און ווייטער זיצן אין שול, און זאגן דעם ספר תהלים וואס איך האב אזוי ליב, און דער אויבערשטער וועט אונז שיקן פרנסה ברווח"!

געטראכט און געטון. דער איד האט אויפגעהערט ארבעטן, און האט פארקויפט זיין אייזל. ער האט זיך אוועקגעזעצט אין שול מיט גרויס שמחה, און גענומען זאגן תהלים, ווען זיין הארץ פארלאזט זיך אינגאנצן אויפן אויבערשטן. אזוי זענען דורכגעגאנגען עטליכע טעג, און די געלט אין הויז האט

המשך אין עמוד ד' >




זיך אנגעהויבן צו ענדיגן. ווען זיין ווייב האט געזען ווי דער מצב קוקט אויס, האט זי אים אנגעהויבן צו מוטשען, אז דאס געלט ענדיגט זיך שוין, און פון זיצן אין שול און זאגן תהלים וועט נישט קומען קיין שום פרנסה... אבער ער האט געענטפערט זיין באשטימטן ענטפער: איך בין פארזיכערט אינעם אויבערשטן אז ער וועט מיר שיקן מיין גאנצע פרנסה וואס איך דארף האבן!

דער מצב איז געווארן אזוי שווער, אז עס איז נישט געבליבן קיין איין פרוטה אינדערהיים. זיין ווייב איז געווארן זייער דערדריקט, און האט זייער מורא געהאט וואס עס וועט זיין מיט אירע קליינע קינדער. זי האט גע'טענה'ט צו אים אז מען טאר נישט אזוי נאכלאזן די משפחה! ער האט זיך אבער געהאלטן די פעסט צו די ווערטער פון זיין רבי'ן, און האט פון גארנישט געוואלט הערן, בלייבנדיג ווייטער אין שול אן גארנישט טון צו ברענגען פרנסה אינדערהיים.

צוביסלעך האבן זיינע שכנים און גוטע פריינט געהערט דערפון. זיי האבן נישט געקענט גלייבן וואס זיי הערן, און האבן אנגעהויבן רעדן אויף אים אז ער איז גערירט געווארן פון זינען, רחמנא ליצלן, לאזנדיג זיין משפחה אויף הפקר... און זיין ווייב איז ארומגעגאנגען א גאנצן טאג וויינענדיג, אויף איר מאן וואס עס האט אים אנגעכאפט א "גייסט פון בטחון", און דער הויז איז ליידיג. אבער דאס אלעס האט אים גארנישט געשטערט, ער איז געבליבן פעסט מיט זיין שטארקע בטחון אינעם אויבערשטן, ביז ער איז געווארן צו שאנד און צו שפאט ביי מענטשן, און יעדער האט געלאכט פון אים, וואס ער זיצט און טוט גארנישט פון אינדערפרי ביז ביינאכט, אויסער זאגן תהלים, און ער האלט זיך פאר איינער פון די גרויסע לייט, וואס זענען דבוק א גאנצן טאג אין תורה און אין עבודת השם...

אינצווישן האט זיך זיין אייזל, וואס ער האט פארקויפט, געוואלגערט פון איין קונה צו אן אנדערן קונה, ביז עס איז אנגעקומען צו די הענט פון אן אראבער, וועלכער האט אויך אנגעהויבן פירן דערויף ליים און צעמענט און עס פארקויפט אין די ארומיגע שטאט. איין טאג, האט דער גוי גענומען זיין נייע אייזל אין פעלד, צו גראבן און ארויסנעמען ליים פון דער ערד, און פלוצלונג אינמיטן גראבן, האט דער גוי דארט אנטפלעקט א גרויסער אוצר באהאלטן אין די ערד, ענדליך צו די אוצרות וואס דער רייכער קרח פון אונזער פרשה האט אנטפלעקט (סנהדרין קי.)...

דער אראבער האט זיך זייער געפריידט אויפן געוואלדיגן רייכקייט וואס איז אים אזוי פלוצלונג אנגעקומען, און ער האט אנגעלאדנט דעם אוצר אויפן וואגן, און עס גוט צוגעדעקט מיט שטרוי און מיט ליים, און האט געוואלט ווייטער פארן. איידער ער איז ארויסגעפארן אין וועג, האט ער נאכאמאל אריינגעקוקט טיף אינעם גרוב, צו זיכערמאכן אז ער האט טאקע אויסגעליידיגט דעם גאנצן אוצר, אבער דא האט ער געזען אז עס זענען נאך געבליבן עטליכע טייערע גאלדענע מטבעות טיף אין דער גרוב, און ער איז נאכאמאל אראפגעגאנגען אינעם גרוב, כדי ארויפצוברענגען די גאלדענע מטבעות.

ווען דער גוי איז אזוי ארומגעגאנגען טיף אינעם גרוב, איז פלוצלונג ארויפגעפאלן אויף אים א גרויסע שטיין וועלכע האט זיך אויסגעריסן פונעם גרוב, דורך זיין גראבן, און עס האט אים באגראבן אונטער זיך, דארט אויפן ארט!

דער אייזל איז געשטאנען אויבן אין פעלד, און האט געווארט פאר זיין ארבעט... ער האט זייער לאנג געווארט, אז זיין האר זאל אים אריינפירן אין שטאט ווי זיין שטייגער. אבער ווען ער האט געזען אז מען נעמט אים קיין ערגעץ נישט, האט ער אליין אנגעהויבן גיין צום ריכטונג וואו זיינע פיס זענען געווען צוגעוואוינט צו גיין פאר לאנגע יארן... צו די שטאט צפת, צו דעם אלטן באקאנטן הויז, דאס איז דאך דער הויז פון אונזער באקאנטן, דער בעל הבטחון!

ווען דער אייזל איז אנגעקומען צום הויז פונעם דארפס-איד, מיטן גאנצן שווערן לאסט אינעם וואגן, האט ער זיך אוועקגעשטעלט אינעם הויף און אנגעהויבן צו לאזן הערן זיין שטימע, אזוי ווי זיין שטייגער יעדן מאל ווען ער ענדיגט זיין ארבעט און ערווארט אז מען זאל אים געבן צו עסן... ווען דער איד האט געהערט דעם באקאנטן קול פון זיין אייזל, וואס שטייט און וויינט אינדרויסן, האט ער פארשטאנען אז ער איז הונגעריג און דארשטיג, איז ער שנעל ארויסגעגאנגען צו אים און אים געגעבן צו עסן און צו טרינקען, און אזוי האט ער אויך געפינען דעם גרויסן אוצר וואס איז געווען באהאלטן אינעם וואגן.

ער האט גוט אכטונג געגעבן אויפן אוצר, און געווארט אז דער בעל הבית זאל קומען נעמען זיין אייזל און זיין אוצר, אבער ווען עס איז דורכגעגאנגען א לענגערע צייט און קיינער איז נישט געקומען צו אים, אדער צו אנדערע קונים וואס דער אייזל האט באלאנגט צו זיי, האט ער אויסגעפינען אז יענער גוי איז דער בעל הבית פונעם אייזל און פונעם אוצר, און ער איז געפינען געווארן טויט אין פעלד.

דער איד דער בעל בטחון איז יעצט געווארן זייער א רייכער מענטש!

אט דער וואונדערליכער מעשה איז באקאנט געווארן אין די הייליגע שטאט צפת און אינעם געגנט ארום. זענען די תלמידים פונעם אלשי"ך הקדוש געקומען צו זייער רבי און אים געפרעגט: וויאזוי קען עס זיין, אז אונז, וואס מיר זיצן שטענדיג על התורה ועל העבודה, און אויך האלטן מיר זיך מיט די מידה פון בטחון, און פונדעסטוועגן האבן מיר קיינמאל נישט זוכה געווען צו אזא התגלות! און דא האט דער פשוט'ער דארפס-איד, וועלכער קען קוים זאגן תהלים, זוכה געווען צו אזא גרויסן שכר פאר זיין פשוט'ער בטחון?

האט דער אלשי"ך הקדוש זיי געגעבן צו פארשטיין בטוב טעם: יעדער איד האט זיין אייגנארטיגע מצוה און מדריגה, וואס שטימט לויט זיין חלק אין די תורה וואס ער האט מקבל געווען אויפן בארג סיני, איינער איז גרויס אין תורה, אן אנדערער איז גרויס אין תפילה, און אזוי ווייטער. דער איד שטארקט זיך שוין פון אייביג אן אין די מידה פון בטחון, און ער ווערט מער און מער דערהויבן אין דעם, אזוי ווי די גמרא זאגט אין מסכת שבת (שבת קיח:) "אביך במאי הוי זהיר טפי" וכו', און "במה הארכת ימים" (מגילה כז:), ווייל יעדער איינער האט א מצוה וואס איז באזונדער פאר אים דווקא. און פאר דער איד איז אויסגעוועלט געווארן די מידה פון בטחון, וואס אויף דעם האט ער געהארעוועט זיין גאנצן לעבן, און יעצט, צוליב אט דעם דרשה האט ער ארויפגעווארפן זיין גאנצן בטחון אויפן אויבערשטן בשלימות, און דעריבער האט ער זוכה געווען דורכדעם צו א געוואלדיגע ישועה.

[קונטרס "טיב המעשה" ח"א דף ו]

על הברכה יעמדו

ניתן להנציח את העלון לשמחות, לברכה והצלחה או ליארצייט | התורמים להפצת העלון | לקבלת העלון במייל (דוא"ל) נא לשלוח למייל המצו"ב

לע"נ הרב יעקב מיכאל זצ"ל בן החבר הרב ר' ישראל זצ"ל סייער

יוסף בן טילה רוזא לרפואה שלימה

האחים היקרים העומדים תמיד לימין רבינו הרב יהודה בן שרה שיינדל והרב שאול יחזקאל בן שרה שיינדל וכל משפחתם - להצלחה בכל העניינים

שרה שיינדל בת טילה רחה להצלחה בכל העניינים

לע"נ מרת חיה סאסא בת לאה נלב"ע י' סיון תנ.צ.ב.ה.

לע"נ הבחור שמואל מאיר ז"ל בן יבלחט"א רבי ישראל יצחק נלב"ע י"ח כסלו תנ.צ.ב.ה.

גרפצ'יק טל: 02-5002321

קשת הרשת 02-6257948

גל-פן

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173